**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט 10 מיליאן דאלער צו געבן אפארדעבל העלט אינשורענס פאר 1.5 מיליאן ניו יארקער**

***ארויסגעבראכטע בארעכטיגונג אונטער פעדעראלע סטעיט אנאוואציע וועיווער פארזיכערט אז מער ניו יארקער ווערן יעצט געדעקט אונטער די סטעיט'ס אסענשל פלאן***

***נייע איינגעשריבענע אין די אסענשל פלאן וועלן קענען אוועקלייגן איבער $6,100 א יאר***

***ניו יארק באקומט די פאלק'ס גרעסטע סטעיט אינאוואציע וועיווער באלוינונג פון וואס ס'איז אלס געגעבן געווארן ביז היינט***

***פאנדינג ווערט באקומען דורך עפארדעבל קעיר אקט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט האט באקומען אן ענדגילטיגע צוזאג פון 10 ביליאן דאלער פון די פעדעראלע גאווערמענט צו געבן הויכע-קוואליטעט, אפארדעבל העלט אינשורענס פאר אומגעפער 1.5 מיליאן ניו יארקער. נאכפאלגנדיג אנגעהאלטענע אדוואקאסי דורך די גאווערנער, האט ניו יארק פארזיכערט די געלטער דורך די פעדעראלע סטעיט אינאוואציע וועיווער. די 10 ביליאן דאלער צוזאג וואס מען האט באקומען היינט שטרייכט אונטער די פאלק'ס גרעסטע סטעיט אינאוואציע וועיווער באלוינונג פון וואס ס'איז אלס געגעבן געווארן ביז היינט.

"דורכ'ן אוועקלייגן די פאלק-פירנדע אינוועסטמענט, ברייטערן מיר אויס אפארדעבל העלט אינשורענס פאר ניו יארקער און מיר אדרעסירן ווייטער די קאסטן פון לעבן אין קאמיוניטיס לענגאויס די שטאט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך וועל קיינמאל נישט אויפהערן קעמפן צו פארזיכערן אז ניו יארקער באקומען די אפארדעבל, קוואליטעט קעיר וואס זיי דארפן."

די געלטער צוזאג פאלגט נאך די גאווערנער'ס פריערדיגע מעלדונג אז ניו יארק האט אויסגעברייטערט די בארעכטיגונג שטאפלען פאר די אסענשל פלאן, א פאבליק העלט אינשורענס פראגראם וואס ווערט געאפפערט דורך די NY סטעיט אוו העלט (NY State of Health). די אויסגעברייטערטע בארעכטיגונג פארזיכערט אז נאך איבער 200,000 נייע ניו יארקער ווערן געדעקט אונטער די אסענשל פלאן די יאר, מאכנדיג א סך הכל פון אומגעפער 1.5 מיליאן געדעקטע לענגאויס די שטאט.

נייע איינגעשריבענע אין די אסענשל פלאן ווערן געשאצט זיך צו קענען אוועקלייגן איבער $6,100 א יאר אין פארגלייך צו וואס זיי וואלטן וועלן געדארפט צאלן פאר קאמערשיעל דעקונג.

איינשרייבונג לענגאויס די שטאט רעכנט אריין:

| ראיאן | נומער פון אסענשל פלאן איינגעשריבענע |
|---|---|
| NYC Metro | 919,107 |
| Long Island | 198,602 |
| Northern Metro | 76,107 |
| Mid-Hudson | 46,156 |
| Northeast | 45,878 |
| Utica-Adirondack | 34,778 |
| Central | 43,273 |
| Finger Lakes | 43,041 |
| Western | 90,907 |
| **אלעס צוזאמען** | **1,497,849** |

**סענעט מיאריטעט פירער טשארלס שוממער האט געזאגט,** "איך האב געקעמפט פאר יארן צו מאכן העלט קעיר מער אפארדעבל פאר ניו יארק פאמיליעס און איך בין שטאלץ צו האבן אוועקגעלייגט נאך 1 ביליאן דאלער צו נידערן פרימיומס און העלט קעיר קאסטן פאר ניו יארקער אין די אינפלאציע פארמינערונג געזעץ (Inflation Reduction Act). דאס איז עכטע געלט צוריק אין ניו יארקער'ס טאשן און מנוחת הנפש אז העלט קעיר וועט זיין אפארדעבל ווען זיי דארפן עס."

**סענעטער קירסטן גיליבראנד האט געזאגט,** "די 10 ביליאן דאלער צוזאג וועט העלפן פארזיכערן אז מער ניו יארק פאמיליעס האבן צוטריט צו די העלט קעיר וואס עס קומט זיך זיי אן דארפן 'בארויבן די באנק', און איך בין שטאלץ צו האבן געשטומט פאר די אנפלאציע פארמינערונג געזעץ דאס צו ערמעגליכן. איך בין אנטשלאסן אויסצובערייטערן העלט קעיר און עס מאכן מער אפארדעבל פאר אלע ניו יארק פאמיליעס און איך וועל ווייטער קעמפן אויף די פעדעראלע שטאפל כדי אלע ניו יארקער זאלן האבן צוטריט צו גוטע קוואליטעט, אפארדעבל העלט קעיר ווען זיי דארפן עס."

**האוז דעמאקראטישע פירער האקים דשעפריס האט געזאגט,** "קיינער זאל נישט דארפן אויסוועלן צווישן לייגן שפייז אויפ'ן טיש אדער צאלן פאר לעבנס-ראטעווענדע מעדיצינישע באהאנדלונג. די 10 ביליאן דאלער פעדעראלע אינוועסטמענט איז א יסודות'דיגע טויש אין פארגרינגערן די עול פון הויכע העלטקעיר קאסטן פאר איבער 1 מיליאן ניו יארקער און זייערע פאמיליעס. איך בין דאנקבאר צו דיביידען-האריס אדמיניסטראציע פאר זייער ארבעט אין פארזיכערן די געלטער און פאר זייער שותפות אין ברענגען די אינפלאציע פארמינערונג געזעץ צום לעבן צו נידערן די קאסטן און פארשטערקערן די אפארדעבל קעיר געזעץ אפצוהיטן העלטקעיר דעקונג פאר מיליאנען אמעריקאנע."

**פארשטייער פאל טאנקא האט געזאגט,** "איך בין גליקליך צו פייערן די באדייטנדע געלטער צוגאבע פון געלטער וואס וועלן העלפן איבער א מיליאן ניו יארקער קענען אוועקלייגן טויזנטערס א יאר אויף העלט קעיר קאסטן. א דאנק די אפארדעבל קעיר געזעץ, שטעלן מיר קריטישע טריט צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו די אפארדעבל, הויכע קוואליטעט קעיר וואס עס קומט זיך זיי. דורכ'ן אויסברייטערן דעקונג אונטער די אסענשל פלאן, ריקן מיר זיך נענטער צו א צוקומפט וואו געזונטהייט איז

א רעכט, נישט א פריווילעגיע. איך בין שטאלץ פון אונזער אנגייענדע אנטשלאסנקייט אין געבן פאר יעדע איינוואוינער די שטיצע וואס זיי דארפן צו פירן געזונטע, פראדוקטיווע לעבנס."

**סטעיט העלט קאמישאנער דר. דזשעימס מקדאנאלד האט געזאגט,** "פאר יעדן קומט זיך אפארדעבל און קוואליטעט העלט אינשורענס, נישט קיין חילוק זייער געזונטהייט סטאטוס. די אינוועסטמענט וועט ערלויבן פאר ניו יארקער אנצוהאלטן און צו פארבעסערן זייער געזונטהייט אן קיין פינאנציעלע עול. אונטער די רושם פון די אפארדעבל קעיר געזעץ, וועט ניו יארק ווייטער ארבעטן מיט 1332 וועיווער געלטער נאכצולויפן חידוש'פולע סטראטעגיעס וואס געבן איבער קוואליטעט, אפארדעבל העלט אינשורעס פאר אונזערע איינוואוינער."

**NY סטעיט אוו העלט עקזעקיוטיווע דירעקטאר דאניעל האלאהאן האט געזאגט,** "אדאנק די אפארדעבל קעיר אקט אפטיילונג 1332 סטעיט אינאוואציע וועיווער אויטאריטעט, וועט NY סטעיט אוו העלט קענען געבן פאר 1.5 מיליאן ניו יארקער העלט אינשורענס מיט $0 פרימיומס, ערלויבנדיג פאר אינדיווידואלן און פאמיליעס אוועקצולייגן איבער $6,100 פון זייער שווער-פארדינטע געלט יעדע יאר. מיר וועלן ווייטער ארבעטן מיט אונזערע פעדעראלע שותפים נאכצולויפן חידוש'פולע וועגן צו האלטן ניו יארקער געזונט אן ווי טון זייערע האנט-טעשער."

די 10 ביליאן דאלער אין פעדעראלע געלטער פאר 2024 רעכנט אריין אומגעפער 1 ביליאן דאלער וואס איז ערמעגליכט געווארן צוליב די פעדעראלע אינפלאציע פארמינערונג געזעץ (IRA). די IRA האט אויסגעברייטערט די עווילעבילעטי פון ענהענסד פרימיום שטייער קרעדיט צוטיילונגען, וועלכע זענען אנגעשטעלט אפצולויפן אין 2025 אויב קאנגרעס נעמט נישט קיין שריט. IRA-ענהענסד פרימיום צוטיילונגען זענען געווען א קריטישע געלטער מקור, ערלויבנדיג ניו יארק אויסצוברייטערן אפארדעבל דעקונג און באקומען רעקארד איינשרייבונג.

אפריל 1, 2024, האט ניו יארק אויסגעברייטערט די בארעכטיגונג שטאפלען פאר די אסענשל פלאן, א פאבליק העלט אינשורענס פראגראם וואס ווערט געאפפערט דורך די NY סטעיט אוו העלט. די אסענשל פלאן איז יעצט אוועילעבל פאר ניו יארקער מיט אינקאמס פון ביז 250 פראצענט פון די פעדעראלע ארעמקייט שטאפל (Federal Poverty Level), $37,650 יערליכע אינקאם פאר אן אינדיווידואל אין 2024. די אויסברייטערונג איז א רעזולטאט פון ניו יארק'ס אפטיילונג 1332 סטעיט אנאוואציע וועיווער אפליקאציע, וואס איז באשטעטיגט געווארן דורך די U.S. דעפארטמענט פאר געזונטהייט און יומען סערוויסעס (U.S. Department of Health and Human Services) און די U.S. דעפארטמענט אוו טרעזשורי (U.S. Department of Treasury) מערץ 1, 2024. אדאנק די וועיווער, באקומען אומגעפער 1.5 מיליאן ניו יארקער לענגאויס די שטאט געזונטהייט פלאן דעקונג מיט $0 פרימיומס און נידריגע אדער נישט קיין קאסט-טיילונגען. ניו יארק האט באקומען צייטווייליגע באצאלונגען אין אפריל און אין אוגוסט וואס האט ערלויבט א צייטליכע אנהייב פון די פראגראממ'ס אויסברייטערונג אין אפריל 2024.

**גרעסערע ניו יארק שפיטאל (Greater New York Hospital) אסאסיעישן פרעזידענט קענעט ע. ראסקע האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון געזונטהייט פאר'ן מער אויסברייטערן אסענשל פלאן בארעכטיגונג. די וויכטיגע אנטוויקלונג וועט ערלויבן נאך מער ניו יארקער צו האבן צוטריט צו אפארדעבל, פולקאמע העלט דעקונג. די שפיטאל קאמיוניטי האט שטארק געשטיצט ניו יארק'ס אסענשל פלאן זינט איר אנהייב ווייל עס גיבט פולקאמע דעקונג פאר נידריגע-אינקאם ניו יארקער וואס זענען נישט בארעכטיגט פאר מעדיקעיד."

**קאמיוניטי סערוויס סאסייעטי פון ניו יארק VP פאר געזונטהייט איניציאטיוון (Community Service Society of New York VP for Health Initiatives) אליזאבעט ר. בענדשעמין האט געזאגט,** "די אסענשל פלאן איז געשיקט געווארן פון הימל פאר ניו יארקער וואס פלאגן זיך צו טרעפן

אפאָרדעבל קוואַליטעט העלט דעקונג. די פעדעראַלע געלטער וועלן אויפטון גאָר אַסאַך אין פאַרבעסערן די סטיל פון די פראָגראַם כדי ניו יאָרקער זאָלן קענען דערגרייכן געזונטערע לעבנס בשעת'ן פאַרמינערן אַז זיי זאָלן זיך אָנטרעפן מיט מעדיצינישע חובות."

**ניו יאָרק העלט פּלאַן אַסאָסיעישן פּרעזידענט און CEO עריק לינזער האָט געזאָגט,** "די געלטער איז קריטיש אין אונזערע פאַראייניגטע באַמיאונגען צוצושטעלן מער אַפאָרדעבל דעקונג פאַר מער ניו יאָרקער דורך די אַסענשל פּלאַן. די צוזאָג פון די פעדעראַלע גאַווערמענט בויט זיך אויף די סוקסעספולע שותפות צווישן געזונטהייט פּלענער און די סטעיט וואָס האָט געמאַכט ניו יאָרק די פירער אין אויסברייטערן דעקונג בשעת'ן געבן די הילפסמיטלען צו אַלימינירן געזונטהייט אומגלייכקייטן, און מיר קוקן אַרויס אויפ'ן אַרבעטן מיט די האָקול אַדמיניסטראַציע אין מאַכן די וועיווער'ס צוזאָג אַ מציאות."

**קאַמיוניטי העלט קעיר אַסאָסיעישן פון ניו יאָרק סטעיט ( Community Health Care Association of New York State, CHCANYS) פּרעזידענט און CEO ראָוז דוהאַן האָט געזאָגט,** "CHCANYS אַפּלאַדירט די NY סטעיט אוו העלט און די פעדעראַלע גאַווערמענט פאַר די געוואַלדיגע אויסברייטערונג פון דעקונג. פולקאָמע אַפאָרדעבל דעקונג פאַר ניו יאָרקער פאַרגרינגערט צוטריט צו הויכע קוואַליטעט פריימערי קעיר געגעבן ביי קאַמיוניטי געזונטהייט צענטערס און פאַרמערט די געזונטהייט צענטער'ס מעגליכקייטן נאָכצוקומען זייער מיסיע פון געבן קעיר פאַר אַלעמען. CHCANYS סערווירט אַלס אַ וועגווייזער פאַר די NYSOH מאַרקעטפּלאַץ צו קומען נענטער צו אונזער פאַראייניגטע ציל פון פאַרזיכערן אַז אַלע ניו יאָרקער באַקומען די העלט קעיר וואָס זיי דאַרפן."

**די לוקימיע און לימפאָומע סאָסייעטי (Leukemia & Lymphoma Society) סיניאָר דירעקטאָר פון סטעיט פּאַבליק פּאַליסי סטיוו באַטערפעלד האָט געזאָגט,** "די לוקימיע און לימפאָומע סאָסייעטי איז צופרידן צו זען ניו יאָרק אַריינברענגען אַן אמת'ע חידוש'פולע, ערשטמאַליגע פּראָגראַם. בלוט קענסער פּאַציענטן, זייערע פאַמיליעס, און אַנדערע קאָסטומערס אין ניו יאָרק בענעפיטן ווען זיי קענען זיך פאַרלאָזן אויף סטאַבילע און אַפאָרדעבל דעקונג, וואָס די פּראָגראַם שטעלט צו. מיר האָפן צו זען אַנדערע סטעיטס זיך אויסלערנען פון די וועיווער און נאָכלויפן ענליכע מאָדעלן וואו זיי קענען."

**אַמעריקאַנע קענסער סאָסייעטי קענסער שריט נעטוואָרק ( American Cancer Society Cancer Action Network, ACS CAN) סיניאָר גאַווערמענט פאַרבינדונגען דירעקטאָר מייקל דעוואָלי האָט געזאָגט,** "מיר קענען קיינמאָל און וועלן קיינמאָל נישט צוריקגיין צו די טעג ווען קענסער פּאַציענטן האָבן נישט געקענט באַקומען העלט אינשורענס דעקונג ווייל זיי האָבן עס נישט געקענט באַצאָלן אָדער ווערן אָפּגעזאָגט פון דעקונג בלויז ווייל זיי האָבן איבערגעלעבט קענסער. די צוגעגעבענע געלט וואָס ניו יאָרק האָט באַקומען צוליב די אָפּטיילונג 1332 סטעיט אינאָוואַציע וועיווער וועט העלפן פאַרזיכערן אַז מיליאָנען ניו יאָרקער וואָס קעמפן קעגן קענסער קענען באַקומען צוטריט צו די קעיר וואָס זיי דאַרפן."

אָפּטיילונג 1332 סטעיט אַנאָוואַציע וועיווער ערלויבט שטעט נאָכצולויפן חידוש'פולע סטראַטעגיעס צו געבן פאַר איינוואוינער צוטריט צו הויכע-קוואַליטעט, אַפאָרדעבל העלט אינשורענס. ניו יאָרק'ס וועיווער איז באַשטעטיגט געוואָרן פאַר פינף יאָר, פון 2024 ביז 2028. געלטער סומעס פאַר 2025 ביז 2028 וועלן ווערן באַשטעטיגט אויף אַ יאָר-צו-יאָר באַזיס.

נאָכפאָלגנדיג ניו יאָרק'ס לעצטנס באַשטעטיגטע 1115 מעדיקעיד דעמאָנסטראַציע וועיווער, די 1332 וועיווער ניו יאָרק זוכט אויך צו אַדרעסירן סאָציאַלע פאַקטאָרן פון געזונטהייט פאַר אַסענשל פּלאַן איינגעשריבענע. די פינאַנצירונג וואָס קומט מיט די ערלויבעניש וועט שטיצן גרענטס וואָס אַדרעסירן עסנוואַרג אומזיכערהייט, אַריינרעכענענדיג דורך עסנוואַרג פאַרמאַסיס און מעדיציניש-צוגעפּאַסטע מאָלצייטן, און עס וועט שטיצן איינגעשריבענע מיט אַנגייענדע אַסטמאַ דורכן זיי צושטעלן עיר קאַנדישאַנערס צו באַשיצן זייער געזונטהייט און רעדוצירן די צאָל פון זייערע באַזוכן צו די עמערדזשענסי

רוּם. די וועיווער וועט אויך שטיצן באלוינונגען פאר די וואס געבן אינשורענס צו פארמערן צוטריט צו אויפפירונג געזונטהייט פראוויידערס און סערוויסעס, אריינגערעכנט מאבילע קריזיס יוניטס, קריזיס פארויילונג צענטערס און קריזיס ערהוילונג צענטערס.

ניו יארק'ס הויכע דעקונג שטאפלען זענען אויך א רעזולטאט פון די שטאט'ס פולקאם אריינגעברענגטע מארקעטפלאץ מאדעל, דורכאויס פאבליק און פריוואטע העלט אינשורענס פראדוקטן, וועלכע ערלויבט די שטאט אנצוהאלטן העכערע דעקונג שטאפלען ווייל אינדיווידואלן קענען גרינגערהייט טוישן פראגראמען ווען זייערע אינקאמס אדער פאמיליע סטאטוס טוישט זיך.

אינפארמאציע איבער אפטיילונג 1332 סטעיט אנאוואציע וועיווערס, אריינגערעכנט א פאקטן בויגן אויף ניו יארק'ס וועיווער קען מען טרעפן אויף CMS's וועבזייטל [דא](#).

אינפארמאציע איבער ניו יארק'ס אפטיילונג 1332 וועיווער קען מען טרעפן [דא](#).

אינפארמאציע איבער אסענשל פלאן בענעפיטן און קאסט טיילונגען גריד קען מען טרעפן [דא](#).

**איבער די NY סטעיט אוו העלט**
ניו יארק האט געעפנט איר העלט אינשורענס פלענער מארקעטפלאץ, די ניו יארק סטעיט אָוו העלט, אין אקטאבער 2013. די מארקעטפלאץ'ס העלט אינשורענס איינקויפונג ערפארונג וואס שטעלט אלעס צו אויף איין פלאץ אפפערט ארומנעמיגע העלט אינשורענס פלענער פון א הויכע קוואליטעט. NY סטעיט אוו העלט, אן אפטיילונג פון די New York State Department of Health, איז די איינציגסטע פלאץ וואו קאסטומערס קענען קוואליפיצירן פאר הילף צו באצאלן פאר דעקונג דורך פרימיום הנחות אדער שטייער קרעדיטס. בארעכטיגטע ניו יארקער קענען זיך אויך איינשרייבן אין מעדיקעיד, טשיילד העלט פלאס (Child Health Plus) און די אסענשל פלאן דורך די מארקעטפלאץ א גאנצע יאר. פאר מער אינפארמאציע איבער די NY סטעיט אוו העלט מארקעטפלאץ, ביטע באזוכט: [https://nystateofhealth.ny.gov/](https://nystateofhealth.ny.gov/) אדער רופט קאסטומער סערוויס אויף 1-855-355-5777, TTY: 1-800-662-1220 אדער טרעפט אן איינשרייבן געהילף.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](#) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)